פרק

# איבער א שמעק־טאבאק

אז דער בעל־דבר איז געזעסן, א פוס איבער א פוס, מיט א ליב־לעך־זאטן שמייכל, און האט גלאט אזוי, האלב גענעצנדיק געבלעטערט אין קאנטא־בוך פון לעבעדיקע נפשות, האט ער פלוצלינג א פאטש געטון מיט די הענט.

ער איז צוגעקומען צום כעלעמער רבס קאנטא — און קיין תמונת אות — א ליידיק בלאט.

אויפן פאטש, פארשטייט זיך, זענען זיך דערוויל אנגעלאפן גיהנום־לאפיטוטן; זיי שטייען אין טיר, ווי די כלבים, מיט די צונגען ארויס, און ווארטן אויף א באפעל.

— שיקט נאר — הייסט דער בעל־דבר, — עמעצן ארויף געוואר ווערן, צי דער כעלעמער רב האט אריכת ימים.

די לאפיטוטן פארשווינדן אזוי שטיל, ווי זיי זענען געקומען, און עס גייט נישט אוועק קיין פערטל שעה, קומט א תשובה: געווען אין קאמער פון לעבן; דעם כעלעמער רבס פאדים — כמעט נישט מיטן אויג צו דערזען — היינט־מארגן רופט מען אים!

— זאל אריינקומען דער שרייבער!

טאנצט אריין א נאל־קעפיק שרייבערל, מיט רויט־לויפנדיק־לוסטי־קע אייגעלעך, היגערשע פיסעלעך. א קידה אהין, א השתחויהלע אהער; גיט זיך א זעץ אוועק אויף דער שווארץ־ברענענדיקער סמאלע־פאדלאגע אויף טערקיש — די פיס אונטער זיך; כאפט ארויס פון א י י ן זייט בוזעם־קעשענע כלי־כתיבה: א נייע קראענע פעדער פון דער נאדל; א טינטער מיט רויט־זינדיק בלוט, אפגעצאפט פון הבא על העריות, פון דער צווייטער זייט, און וויקלט אויף א פריש אויסגעארבעט שטיקל אפיקורסס־הויט, שפייט זיך אן אויף דער יד און ווארפט אן אונטערטעניקסטן בליק צום בעל־דבר: פארטיק!

גיט זיך דער בעל־דבר א בייג אויס אויף דעם פאטער־שטול און דיקטירט. דאס שרייבערל שטרעקט ארויס א צונג און מאכט א צוק נאך א צוק. די פעדער לויפט און סקריפעט, און צום בית־דין של מעלה גייט א ראפארט כהאי לשנא:

„היות, אין פסוק שטייט: אין אדם בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא... און דא איז פאראן א כעלעמער רב, וואס שטייט מיט איין פוס ביים קבר, און זיין בלאט איז ליידיק! על כן, אויב מען וויל, עס זאל בלייבן „משה אמת ותורתו אמת" — זאל מען דעם כעלעמער איבערגעבן אין בעל־דברס רשות היינט"...

קומט, נאך א קורצן ישוב, פון בית־דין של מעלה א תשובה: „עיין איוב, קאפיטל א'".

פארשטייט שוין דער בעל־דבר, וואס מען מיינט: טו מיט אים — הייסט עס, — וואס דו ווילסט, „רק את נפשו שמור" — לעבן זאל ער, ווי לאנג עס איז אים באשערט.

איז אבער נישט אזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך.

קיין אשה האט דער כעלעמער רב, לא עליכם, נישט; מכמה שנים אן אלמן, קינדער — אויסגעגעבענע, און „לא יומתו אבות על בנים", יחזקאל האט געזאגט — פארפאלן! פון שאף און רינדער איז אוודאי נישט צו רעדן — קיין פיצל ציג נישט צומאל! א הויט האט דער כעלעמער רב סיי־ווי־סיי נישט קיין ריינע, האלט זיך, נעבעך, אין איין קראצן... און גלאט — נעמען א כעלעמער רב מיט יסורים!

— עפעס א תאווהלע — טראכט דער בעל־דבר און באלעקט זיך, שטרעקט אויס די האנט צום טיש, רירט אן דאס גלעקל פון א חקרנישן שארבן־קאפ — א פולע שטוב לאפיטוטן!

— וועמען וועלן מיר שיקן און ווער וועט אונדז גיין ארפצופירן דעם כעלעמער רב פון וועג?

ווערט א געשריי: איך, איך, איך —

אלע ווילן! מען ווייסט, אז פאר אזוינע קונצן וואקסט מען, ווי אויף הייוון.

אהער און אהין, ס'קאן קומען צו א געשלעגעריי, בלייבט: א קלפי. פאלט דער גורל אויף צוויי לאפיטוטן, ווינטש מען זיי מזל טוב, און זיי ווערן נעלם...

---

## A PINCH OF SNUFF

Satan, the Evil One, the Enemy of Mankind, the Tempter and Destroyer, sat one day in his private office, idly examining his account book. He sat at ease, one leg dangling over the other, a kindly,complacent smile on his lips; and his fingers turned at random the leaves, which bore the names of all the living souls on earth.

And then suddenly his complacency vanished and he clapped his palms together: he had come upon the page bearing the name of the rabbi of Chelm, and it was as blank as blank could be.

At the sound of the clapped hands a host of demon flunkies came running and crowded the door, their tongues hanging out while they waited for a word of command.

"Send someone up," said Satan, "and find out whether the rabbi of Chelm has many years to live."

The demon flunkies vanished as swiftly as they had come. A quarter of an hour later the report was handed in from the upper chamber. The days of the rabbi of Chelm were numbered; the thread of his life, worn thin to invisibility, was about to snap. It might happen tomorrow, it might happen the day after.

"Send for the recorder."

Enter the recorder, a bald-headed little goblin, light-footed and merry-eyed. A bow, a scrape, a smirk, and he seated himself cross-legged, Turkish fashion, on the sulfur-smoldering floor; from one side he drew a bottle of blood-red ink reeking of sin and a new crow's feather, from the other a sheet of parchment made from the skin of an atheist. The recorder spat in his palm and threw a submissive look at his master. "Ready!"

Satan uncrossed his legs and leaned forward in his armchair. The Recorder stuck out a fiery tongue, the quill flew over the parchment, a report and claim were indited to the court of heaven:

"Whereas we are told in Holy Script, 'No man liveth who shall do good and no evil,'[1] and whereas there is among the living the rabbi of Chelm, who stands with one foot in the grave, and the debit side of his ledger is blank; therefore, in order that the Torah of Moses shall be true and shall remain true, let the Rabbi of Chelm be delivered into the power of the Evil One."

Back came the answer: "See the Book of Job, Chapter 1."

That case Satan remembered without difficulty: it meant he could do whatever he wanted with the rabbi of Chelm save that against the man's life he could not put forth his hand. Such as the rabbi's days were, few or many, they had to run their course.

But how was he to do with the rabbi of Chelm what he once had done with Job? For Job had been a mighty man of substance—and the rabbi of Chelm? A widower, alas, his children all married; and it is written in Ezekiel, "The fathers shall not die in place of the sons."[2] Nothing doing there. As for "flocks and herds of cattle"—the poor man hadn't even a goat for milk. Nor could Satan afflict him with boils—he had them already. What trials and torments could you visit on the rabbi of Chelm?

"Some little lust of his," murmured Satan, licking his chops. "Some tiny desire, some obscure appetite!" He stretched out his hand, lifted the bell, which was made from the skull of a sophist, and rang. The room was filled with demon flunkies.

"Whom shall we send to tempt the rabbi of Chelm from the true path?"

"Me! Me! Me!"

The competition is fierce, and no wonder: promotion awaits the demon who can pull this one off. There is almost a riot. Finally, they draw lots: a couple of minor imps get the lucky numbers, and they are off amid a chorus of "*Mazel tov!* Good luck!"

The sun shone brightly that day on the marketplace of Chelm, crowded with Jews who had nothing to do. They stood about in groups, buying and selling the skins of rabbits and hares that hadn't been caught yet, cases of eggs that hadn't been laid, timber from trees that hadn't been felled. Suddenly, the earth beneath their feet began to tremble, a crack of nearby thunder split the air, and a wagon burst into the marketplace, scattering Jews right and left. A strange and unknown wagon—and stranger still its behavior. High up in front stood the driver, a ragged cap on his head, a red belt about his loins, pulling like mad at the infuriated horses; behind him stood the passenger, in decent black gabardine and fur cap, holding the whip in his right hand and cracking it over the heads of the horses. The driver pulled the horses back, the passenger urged them on! Now and again the passenger drove his left fist into the driver's back; now and again he put his fingers to his lips and

איין לילית דערמאַנט זיך, אז ווען ער האָט אירע בשמים דערפילט, האָט ער נעכאַפּט א שמעק טאַבאַק!

— נענוג! — זאָגט ער — און נעמט רשות — ואיננו!

א מנהג ישן האָט דער כעלעמער רב געהאַט, יעדן ערב שבת נאָכן באָד, ארויסצוגיין אין פעלד אריין, — געהאַט שוין א וועג צווישן ווייץ און צווישן קאָרן — און צו זאָגן בעל־פּה שיר־השירים. און ווייל ער איז געווען א ייד א פאַרחושטער, און האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט פאַרגיין צו ווייט, האָט ער זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעמאָסטן מיט די טריט דעם וועג. און געמאַכט זיך א סימן אָן אביימל... „מה נאה אילן זה", האָט ער נ י ש ט געזאָגט, כאָטש אויפן ביימל זענען געוואַקסן פּ י ר ו ת ווי ק ר ע ל ן... נאָר פאַר א סימן... פלעגט ער האַלב שיר־השירים אָפּזאָגן אויפן וועג ביז צום ביימל, אנידערזעצן זיך, נעמען א שמעק טאַבאַק פון קאָרענעם פּושקעלע, אָפּרוען זיך א ווײַלע, און אויפשטיין, גיין צו קבלת שבת, און אָפּזאָגן די צווייטע העלפט שיר השירים צוריקוועגס... און פלעגט קומען פּונקט צו קבלת שבת!...

איינמאָל, איידער דער רב איז אָנגעקומען, באַווייזט זיך אויף דעם אָרט א דייטשל, מיט א קאַפּעליוש, מיט הויזן אין גרינע פּאַסן, און גיט א רייס אויס דאָס ביימל און גיט עס א טראָג־איבער א שטיק ווייטער, און זעצט זיך אונטער'ן ביימל פון יענער זייט, און זיצט — א שמאָל דייטשל — מען זעט עס נישט ארויס.

קומט אָן דערווייל דער רב צום אָרט, וווּ דאָס ביימל איז געשטאַנען — האַלב שיר השירים אָפּגעזאָגט, און צום ביימל איז נאָך ווייט!... איז ער זיך מצער: רעכנט ער, ער האָט געזאָגט שלא בכוונה. נעמט ער אויף זיך באַלד א תשובה. עס האָט זיך אים, ווי אַלע מאָל, פאַרוואָלט א שמעק טון... דאָס הארץ חלשט אים — ער וועט נישט נעמען, ביז ער וועט נישט צוקומען צום ביימל! ער איז אפילו שוין אביסל מיד... נאָר משנה זיין וועט ער נישט... און ער גייט קוים, ער קומט צום ביימל צו. אזוי מיד איז ער געווען און אזוי האָט זיך אים פאַרגלוסט א שמעק טאַבאַק — ממש די אויגן זעען נישט! נאָר, געלויבט השם יתברך — ער זיצט שוין אונטערן ביימל! כאַפּט ארויס פון בוזעם דאָס קאָרענע פּושקעלע, עס ציטערן אים אַזש די הענט, — גיט עפּעס פון הינטן א בלאָז, ס'קאָרענע פּושקעלע פאַלט אים פון דער האַנט ארויס; שטרעקט ער אויס די האַנט — עס גיט א בלאָז, מן הסתם — א ווינטל, — דאָס פּושקעלע קאָלערט זיך ווייטער, ער ציט זיך אויס אויף דער ערד, שטרעקט ווייטער אויס די הענט — ס'פּושקעלע קאָלערט זיך, און ער קריכט נאָך: דער שמעק־טאַבאַק ציט אים... קריכט ער אזוי אויף אַלע פיר... שמייכלט דאָס דייטשל אונטערן ביימל פון יענער זייט און הערט נישט אויף צו בלאָזן. פּלוצלינג גיט ער א כאַפּ ארויס דאָס ביימל... און כהרף עין שטעלט ער עס ווידער, ווו עס איז געשטאַנען... דער רב האָט נישט אויספּעיעט צו כאַפּן ס'פּושקעלע . . . עס בלאָזט ווייטער... דער רב גיט א קוק: דאָס ביימל שטייט פאַר אים ווייט! מיינט ער, אז ער איז, פאַרטראַכטערהייט, פאַרקראָכן צו אן אנדער ביימל, — הייבט ער אויף די אויגן צום הימל — אויסגעשטערנט! ער האָט אפילו שקיעת החמה נישט באַמערקט... אזוי האָט אים דער שמעק טאַבאַק געצויגן! — אמת, זייער א ליכטיקע נאַכט געווען... מילא, עס איז מער ווי א תחום שבת — אין שטאָדט אריין וועט ער נישט גיין, שפּייזן וועלן אים די קראָען, וואָס האָבן אליהו הנביא געשפּייזט... נאָר כאַפּן ס'פּושקעלע — מוז ער...

און ער קריכט נאָך... און דאָס דייטשל בלאָזט, ס'פּושקעלע קאָלערט זיך... — כ'וועל אייך לאַנג נישט ברייען, ער איז אריבער איבער א תחום שבת!...

דאָס לאַפּיטוטל האָט באַלד א גרעסערע שליחות באַקומען!

פאַר'ן אוועקגיין, האָט ער צום שוואַרצן עולם געזאָגט:

— איבער א באַרג פאַלט מען נישט... געשווינדער שטרויכלט מען איבער ק ל י י נ ע תאָוהלעך.

---

דער יוד, 31, 1906 נומ' 13; ז' 2-7